STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11842

ALMANAKH 1947

Workmen's Circle (U.S.).

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווידמעט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון
אונדזער פּאָרזיצער

טשאַרלי וואַרשע

זכרונו לברכה,

וואָס איז אַוועק אין זיין
אייביקער רו —

כ׳ אדר, תש״ז
12־טן מערץ, 1947.

פון דער פאַרוואַלטונג

●

ערשט פאַראיאָרן איז דאָס געווען. .

פאַראיאָרן, ווען מיר האָבן גענומען קלייבן זיך אַרויסצוגעבן אונדזער יערלעכן שול־אַלמאַנאַך, זיינען מיר געוואָרע געוואָרן, אַז טשאַרלי וואַרשע איז געוואָרן אַ בן־שישים, האָבן מיר, עטלעכע נאָענטע ידידים זיינע, געוואָלט און פאַרגעשלאָגן אַ פּלאַן, אַז מ'זאָל לכבוד טשאַרליס זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן אַלמאַנאַך, אין וועלכן מיר זאָלן דערציילן באריכות וועגן זיינע מעשים־טובים סײַ לטובת הפּרט און סײַ לטובת־הכלל.

נאָך אַ פּאָר באַראַטונגען, און דער עיקר נאָכדעם ווי טשאַרלי איז וועגן דעם געוואָרע געוואָרן, און זיך געשטעלט געגן, איז דער גאַנצער ענין בטל געוואָרן.

דאָס איז געווען פאַראיאָרן. . .

איצטער איז דער געדאַנק ווידער אַרויפגעשווומען און ווערט פאַרווירקלעכט. אָבער ווי אַנדערש זיינען די אומשטענדן און ווי אַנדערש זיינען אונדזערע געפילן. דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט טאָן מיט שמחה, מיט חדווה, טוען מיר איצט מיט געבראָכענע הערצער און טיפן טרויער.

ווער האָט זיך געריכט, אַז מיר וועלן דאַרפן באַצאָלן אונדזער אַלטן חוב אויף אַזאַ טראַגישן אופן ?



טשאַרלי (שמאַי) וואַרשע, ע"ה

ווידמען מיר דעם דאָזיקן שול־אַלמאַנאַך מיט טיפער חברשער אָנערקענונג דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער פאַרזיצער טשאַרלי (שמאַי) וואַרשע זכרונו לברכה, און טראָגן דעם אַלמאַנאַך אונטער מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרערונג צו דער אויסגעצייכנטער משפּחה זיינער, זיי צו לאַנגע יאָר; צו דער נאָבעלער גאָטגעבענטשטער טאַניען, צו הערשלען, רזשיניען און דניאל־שלומן, מיט די טיפסטע געפילן פון טרויער און אָנערקענונג.

חבל על דאבדין!

די פאַרוואַלטונג

פון אַ. ר. שול און קינדערגאַרטן אין די שלום־עליכם־הייזער.

שלמה וואַרשע

מיין ברודער „טשאַרלי," זכרונו לברכה

כ'בין ניט ביכולת אָנצושרייבן, לויט אייער פאַרלאַנג, אַן אויספירלעכן ביאָגראַפישן אַרטיקל וועגן מיין ברודער טשאַרלי, ז"ל. ניט מיין געזונט דערלויבט מיר, און ניט מיין מוח איז פעאיק צו קאָנצענטרירן זיך אויף אַזאַ אַרבעט. איז אָבער פטור בלא כלום אויך ניט מעגלעך, וועל איך פּרובירן אָנצוואַרפן בקיצור בלויז עטלעכע ביאָגראַפישע פאַקטן.

נאָמען און אָפּשטאַם.

ווי אומגלויבלעך און פרעמד ס'זאָל ניט קלינגען, איז דאָס אָבער אַ פאַקט, אַז מיין ברודער טשאַרליס נאָמען איז געווען ש מ ה. איז מיין ברודער שמה בן צבי הלוי געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ"ה, (1885), צו די ערשטע סליחות, אין דער שטאָט יעליסאַוועטגראַד, רוסלאַנד.

אונדזערע עלטערן האָבן געבוירן פינף יינגלעך, פון זיי זיינען 3 געשטאָרבן זייער קליין, נאָך איידער טשאַרלי איז געבוירן געוואָרן. אויך אַ מיידל, אַ שוועסטער, איז גע־שטאָרבן, ווען טשאַרלי איז שוין אַלט געווען 12 יאָר. דריי מאָנאַטן נאָך טשאַרליס געבורט האָבן זיך אונדזערע עלטערן אַרויסגעצויגן פון יעליסאַוועטגראַד קיין ראַוונאַיע, אַ קליין שטעטל 45 וויאָרסט פון יעליסאַוועטגראַד. אונדזער פאָטער האָט דאָרט געקראָגן אַ שטעלע אַלס פאַר־וואַלטער אין אַ גרויסן שניט־געשעפט ביים גרעסטן גביר פון שטעטל מיטן נאָמען ר' ישראל בליאַמקין. מיר האָבן געקראָגן אַ יידיש־רעליגיעזע דערציאונג, ווי יעדע דורכשניטלעכע קינ־דער אין יענעם שטעטל.

אונדזער זיידע, ר' שמואל פּאַנאַרזשיי, אונדזער מוטערס פאָטער, ביי וועמען מיין מוטער איז געווען איין איינציק קינד, איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטעטל. פיל לאַנדסלייט דאָ אין אַמעריקע געדענקען אים זייער גוט.

מיין ברודער שמה איז געווען אַ נאָמען נאָך אונדזער מוטערס אַ זיידען. איך געדענק ווי מיין מוטער פלעגט דערציילן, אַז דער זיידע שמה איז געווען אַ רב (אָדער אַ דין) און ער איז פון שעפעטיוווקער רבס משפחה. זי האָט מיר אַמאָל אויך דערציילט, אַז ווען זי איז געווען ביים רבין רבי יוחנצי פון ראַחמיסטריווקע און זי האָט אַריינגעשריבן אין קוויטל, אַז זי קומט אַרויס פון שעפעטיווקער יחוס, האָט איר דער רבי אָפּגעגעבן כבוד און איר גע־זאָגט, אַז זי קומט אַרויס פון גרויסן יחוס. פון אונדזער פאָטערס צד זיינען אַלע געווען בעלי־מלאכות, אָרנטלעכע און גוטע מענטשן.

עס ווייזט אויס, אַז מיין ברודער טשאַרלי האָט אין זיך פאַראייניקט די מעלות פון ביידע צדדים: פון דער מוטערס צד האָט ער געירשנט די גרויסע מאָראַלע לערע פון דער תורה, פון די נביאים, און דערפאַר האָט ער אימער געקעמפט פאַר „צדק ויושר", און איז געווען אַן איבערגעגעבענער נאַציאָנאַלער ייד. און פון טאַטנס צד האָט ער געירשנט די מעלה פון „עזב תעזב את אחיך העני אשר בשעריך" און דערפאַר אַן אמתער סאָציאַליסט.

געקומען קיין אַמעריקע

צו 17 יאָר, אין 1903, איז טשאַרלי געקומען קיין אַמעריקע און אַזוי ווי אַלע איינ־וואַנדערער פון יענער צייט האָט ער דורכגעמאַכט פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען, און כאָטש ער האָט זיך געמוטשעט צו מאַכן אַ לעבן, דאָך האָט ער דאָס גייסטיקע אין אים ניט פאַר־נאַכלעסיקט. דאָס נאַציאָנאַליסטישע אין אים, אַזוי ווי ביי פיל פון יענער צייט, איז געווען אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין און אַז אונדזער גרויסער נאַציאָנאַליסט, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי ע״ה, איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער מיט זיינע לעקציעס אויפגעוועקט אין טשאַרלין דעם באַוואוסטזיין פון אַ שטאָלצן נאַציאָנאַלן יידן.

צו יענער צייט האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס איבערן תלמוד און גערעדט איבער די מחלוקות פון הלל־ושמאי. דעמאָלט האָט טשאַרלי (שמה) אָנגענומען דעם נאָמען שמאי, ווייל עס איז אים זייער געפעלן געוואָרן דאָס וואָס שמאי האָט געלערנט זיינע תלמידים: „והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות״. און אייך, חברים פון שלום־עליכם־הייזער, דאַרף איך ניט דערציילן, אַז טשאַרלי ע״ה און זיין טייערע פרוי סאָניטשקע, איר צו לאַנגע יאָר, האָבןביידע אָפּגעהיט אָט־די גרויסע מידה מקבל זיין יעדן מענטש מיט דעם גאַנצן האַרצן און נשמה.

דאָס איז אייגנטלעך די סיבה וואָס ער האָט געביטן דעם נאָמען „שמה״ אויף „שמאי״, כאָטש שמה איז אַ ביבלישער נאָמען, דוד המלכס ברודער האָט געהייסן שמה (זע שמואל א י״ז).

סאָניע, זיין ווייב, און הערשל, זיין בן־יחיד

אין 1912 האָט טשאַרלי חתונה געהאַט מיט סאָניען. געלעבט האָבן זיי פול מיט גליק און פרייד. אָבער אַ פּאָר יאָר זיינען אַריבער און דער הימל פון זייער גליק איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן. זיי האָבן ביידע געגאַרט נאָך אַ קינד און קיין קינד איז ניט געקומען. אַכט לאַנגע יאָר האָבן זיי געוואַרט אויף דער גליקלעכער בשורה, אַז סאָניע איז פאַרגאַנגען אין טראָגן.

דער דאָקטאָר האָט סאָניען שטרענג פאַרבאָטן ניט צו פאַרלאָזן דאָס בעט די גאַנצע צייט פון איר שוואַנגערשאַפט. דאָס איז, פאַרשטענדלעך, קיין גוטער סימן ניט געווען. סאָניע האָט געדולדיק אויסגעפאָלגט אַלע אָנווייזונגען פונעם דאָקטער און דאָך, ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, איז הערשל געקומען פאַר דער צייט. ער איז געבוירן געוואָרן אַ „זיבעלע״, דאָס הייסט אינעם זיבעטן חודש פון שוואַנגערשאַפט.

צו דערציילן, וואָס טשאַרלי און סאָניע האָבן אויסגעליטן, יסורים און עינוים, ביז זיי האָבן דערלעבט צו זען הערשלען אַ קינד מיט קינדער גלייך, איז פשוט אומעגלעך. בלויז אַזעלכע שטאַרקע מענטשן ווי טשאַרלי און סאָניע האָבן געקענט איבערטראָגן די יסורים און פיין איבערצולעבן די אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען, וואָס ס׳איז זיי געלעגן אויף זייער דערציאונגס־וועג, — ביז זיי האָבן זוכה געווען צו זען זייער בן־יחיד הערשלען אַזאַ געראָטענעם, אַזאַ פיינעם, אַזאַ ליבן מענטשן און אַזאַ גוטן באַוואוסטזיניקן יידן.

מענטשלעכע עמאָציעס קען מען ניט מעסטן, — ווייל ווער קען מעסטן טשאַרליס טרויער, ווען זיין הערשעלע איז אין דער אַרמיי אַוועק. און ווער קען מעסטן טשאַרליס פרייד, ווען הערשל האָט חתונה געהאַט און דערנאָך אַהיים געקומען מיט זיין פיינער, געראָטענער פרוי? און ווער בכלל, קען זיך דערגרונטעווען צו טשאַרליס עמאָציאָנעלע געפילן, ווען ער איז אַ זיידע געוואָרן?

ווען ער האָט אָנגעהויבן צו געניסן דעם נחת פון קינדער; ווען ער האָט דערזען די פרוכט פון זיין לעבנס־מי — איז געקומען דער בייזער גזר־דין און אים די אויגן פאַרמאַכט אויף אייביק.

ד׳ נתן וד׳ לקח יהי שם ד׳ מבורך.

אברהם רייזען

אַ לידער־רינג

(צום אָנדענק פון ליכטיקן שול־טוער, דעם טייערן מענטשן און אידן, דעם ליבלעכן שכן אין „שלום־עליכם הייזער" — שמאי ווארשע)

א.

נאָכן זונפאַרגאַנג

נאָכן זונפאַרגאַנג —
פאַר דעם אָוונט שטערן,
קענסטו דאַן דעם גאַנג
פון די דורות הערן.

ס'ווערט פאַר אונדז אַלץ קלאָר
אין דער שעה פון דעמער;
ס'גייט דורך דור נאָך דור
שטיל, ווי פרומע לעמער.

ווייטסטער דור ווערט נאָ'נט,
נאָענטסטער — דערווייטערט;
ווי ביים האָריזאָנט
וואָלקענדלעך געלייטערט.

און די גרעזער שטיל
בויגן זיך און וויגן,
און מיט גרויס געפיל
זינגט די וועלט אַ ניגון . . .

ב.

אין אָנהויב . . .

ס'איז אָנהויב געווען,
דער אָנהויב — ווי שיין!
איצט בענקט זיך נאָך דעם,
און ניט ווער אַליין:
עס בענקט איצט אַ דור
מיט זון נאָך באַהעלט
נאָך פריערדיקע יאָר,
נאָך גלויביקער וועלט . . .

ס'איז אָנהויב געווען —
עס רוישט און עס שאַלט,
ווער האָט ניט געהערט
די לידער אין וואַלד.
צי אין אָרעמער היים
ביים חבר — פאַרקלערט
די וועלט מאַכן שיין, —
ווער האָט ניט באַקלערט! . . .

ג.

ניט זאָגט . . .

ניט זאָגט, אַז דאָס לעבן
געדויערט ניט לאַנג;
ניט קלאָגט: מיר פאַרשוועבן
אַזוי ווי אַ קלאַנג.

ניין, ס'ציען זיך שנורן
פון דורות אָן צאָל;
מיר זיינען די שפּורן
פון ווייטסטן אַמאָל . . .

מיר טראָגן דעם צאָרן
פון פינצטערסטער צייט;
מיר הערן די יאָרן
ווען מענטש קומט באַנייט!

אין מי און אין מאַטער
פון טעג פול מיט באַנג —
מיר הערן דעם פלאַטער
פון יוגנט אין גאַנג . . .

ד.

צוויי דורות...

ס'איז איצט אַזאַ בענקשאַפט,
ס'איז איצט אַזאַ צייט;
צוויי דורות אין ענגשאַפט
זיך טרעפן ביין זייט.

צוויי דורות — צוויי לערן,
די דריטע — ערשט ווען;
און ביידע זיך שטערן
די צוקונפט צו זען...

און יעדן איז טייער
און יעדן איז שיין
זיין ליכט און זיין פייער
וואָס ווײַל ניט פאַרגיין...

ה.

דיין פעלד

(פראַגמענט)

דו האָסט געזייט דאָס פעלד
אין פרילינגס צייט, פאַר פרי;
אין גרויקייט פון דער וועלט,
אין אָרימקייט, אין מי.

די זון — זי לייכט נאָך האַלב,
דער ווינט — ער גייט נאָך מיט;
גאָר ווען ניט ווען אַ שוואַלב
אין לופטן מ ט אַנזאָג פליט...

דו האָסט געהאָפט, געוואַרט:
ס'וועט אויפגיין יעדער זוים;
דו האָסט זיך ניט גענאַרט —
געזען אויף וואָר דיין טרוים.

ו.

אין ערשטע טעג...

זיי זיינען געוועזן
פאַר מיר אַזוי ניי,
ווי איך וואָלט געלעזן
אַ בוך אויף דער פריי!

ווי איך וואָלט געלעזן
אַ בוך — ערשט דערשיינט!
אַ בלאַט איז אַ וועזן,
אַ וואָרט איז אַ פריינט!

ווי איבער־געשאַפן
די וועלט ווערט איצט פאַר מיר
און ווי צו דער פרייהייט
איז אָפן די טיר.

גיי זיכער דו מידער
אין פּאַלאַץ אַריין,
דאָרט זינגט מען דיר לידער
וואָס שטראָמען — פול שיין!

ז.

צייטן

אַזוי ווי אין האַרבסטיקן טאָג
טוט פרילינגס אַ ווינט אויך אַ יאָג;
אַזוי ווי אין ווינטער, אין מיט
דערהערסטו פון זומער די טריט.

אַזוי ווי ס'פּאַסירט מיט אַ יאָר
אַזוי אויך פּאַסירט מיט אַ דור:
עס שווימט א ן די טעג זיינע אום
אַ טאָג פון דעם פרי'רדיקן זשום,

אַ קלאַנג פון אַ היימישער ליד,
אַ טאָן וואָס אין ווייטקייטן ציט;
אַ רוף ביז אין ווייטן אַריין,
אַ זין פון דער אייביקייטס זיין...

נ. כאַנין

טשאַרלי וואַרשע

דער טויט האָט פון אונדז אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן צוגענומען אונדזער חבר טשאַרלי וואַרשע.

ער איז געשטאָרבן אין אַ צייט ווען דער טויט האָט געטאַנצט זיין שדים־טאַנץ אין אַלע עקן פון דער וועלט: אויף די פעלדער פון מלחמה, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די קאַלך־אויוונס פון טרעבלינקע, אָסווענטשים און נאָך און נאָך פאַבריקן פון טויט. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר האָבן זיך צום טויט שוין אַזוי צוגעוואוינט, אַז גאָרנישט קען אונדז אויפטרייסלען, דערשיטערן און צעברעכן. און דאָך, ווען צו אונדז איז דערגאַנגען די פינצטערע בשורה, אַז טשאַרלי וואַרשע איז געשטאָרבן, האָבן מיר זיך דערפילט דערשלאָגן און איינזאַם.

אַ סך יחידים און אָרגאַניזאַציעס וועט טשאַרלי וואַרשע פעלן אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען אַזוי פאַרצווייגט. פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן האָט ער געהאַט אַזויפיל האַרץ און אַזויפיל נשמה. ער וועט פעלן די שלום־עליכם הייזער, פאַר זייער פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער און קולטור טעטיקייט; ער וועט פעלן דער אַרבעטער־רינג־שול און דעם קינדערגאָרטן; דעם געווערקשאַפטן קאַמפיין און נאָך און נאָך אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן. זיין שטול וועט צום באַדויערן לאַנג שטיין ליידיק און ווער ווייס, צי עמיצער וועט זיך אין דער צוקונפט אויף אים קענען אַוועקזעצן און עס זאָל שפּראָצן אַזויפיל נשמהדיקייט וויפיל עס האָט געשפּראָצט ווען וואַרשע איז אויף אים געזעסן.

מיר פּערזענלעך וועט פעלן אַ נאָענטער פריינד. ניט אַלע מאָל בין איך געווען איינ־שטימיק מיט אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, מיט אַלע זיינע באַגריפן וועגן וועלט און מענטש. אָבער אַפילו דאַן, ווען איך בין מיט אים ניט געווען איינשטימיק, איז ער מיר געווען ליב און טייער, ווייל ער איז געווען אויפריכטיק און אמתדיק. איך האָב אָפּטמאָל אַפילו ניט געהאַט קיין מוט מיט אים דיסקוסירן וועגן זאַכן, מיר האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַריינברענגען דיסהאַרמאָניע אין זיינע שיינע טרוימען און חלומות. מען האָט אים קיינמאָל ניט געקענט באַווירקן צו זיין רעאַליסטיש, ווייל זיין האַרץ און נשמה זיינען געווען שטאַרקער, וואַרעמער און ברייטער ווי זיין געדאַנקען־גאַנג.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט וואַרשען, האָב איך אויסגעמידן, אַז אין אונדזערע געשפּרעכן זאָל איך אַליין צופיל צייט פאַרנעמען. איך האָב געוואָלט אים לאָזן ריידן, ווייל פון זיין ריידן האָט אַלע מאָל געשפּראָצט וואַרעמקייט און אמת. זיין אָנוועזנקייט איז געווען געגליכן צו אַ וואַרעמען ווינט וועלכער נעמט אייך אַרום און צערטלט אייך, גלעט אייך, מאַכט אייך פריש און היילט אייך.

צו זיין לויה זיינען ניט געקומען קיין פּראָפעסיאָנעלע באַקלאָגער און באַווינער; עס זיינען געקומען די הונדערטער און הונדערטער פריינד וועלכע ער אַליין האָט אַ לעבן גע־וואַרעמט און געהאָדעוועט. צו אַ סך איז ער געווען אַ חבר, דער גרעסטער צאָל אָבער איז ער געווען אַ גוטער פאָטער, וועלכער איז גרייט געווען פאַר די מענטשן־קינדער טאָן אַלץ וואָס איז מענטשלעך און איבערמענטשלעך.

אַ סך מאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ער האָט קיין פּערזענלעכן לעבן ניט: ניט קיין הויז, ניט קיין ווייב און ניט קיין קינד, אָבער, אין דער אמתן, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען צאַרט און איבערגעגעבן צו אַלעמען, זאָרגפול פאַר אַלעמען, איז ער אויך געווען אַ צאַרטער מאַן צו זיין פרוי און אַ וואונדערבאַרער טאַטע צו זיין קינד. ווען ער פלעגט

מיר אַמאָל דערציילן עפּעס וועגן זיין הערשלען, וועגן זיין איינציקן זון, פלעגט ער עס דערציילן מיט אַזויפיל קינדערישער נאַאיוויטעט, און מיט אַזויפיל פּאַרליבטקייט, אַז איך פלעג זיך וואונדערן. אַזוי וועגן זיין פרוי און אַזוי וועגן זיין הויז.

כל־זמן עס וועלן לעבן די מענטשן, וועלכע זיינען מיט טשאַרלי וואַרשען געקומען אין באַריר־ונג, וועלן זיי אים דערמאָנען מיט ליבע, מיט רעספּעקט און עהרנפורכט.

●

יעקב און רבקה לעווין

אויפן פרישן קבר פון טשאַרלי וואַרשע

עס איז אַוועק פון אונדז אַ פריינט — אַ גוטער און איבערגעגעבענער פריינט. אַ מענטש מיט אַ גוט און פריינטלעך האַרץ, וואָס האָט געהאַט אין זיינען זיינע מיטמענטשן, איז זיי געווען איבערגעגעבן און איז צו יעדער צייט געווען גרייט צו טאָן פאַר זיי אַלצדינג וואָס מעגלעך.

עס איז אַוועק פון אונדז אַ יידישער מענטש, — אַ גוטער יידישער מענטש, וואָס האָט געלעבט מיט די יידישע אינטערעסן, געקרענקט מיט די יידישע ליידן, געגלויבט אין יידישע באַפרייאונג און אויסלייזונג.

וואו נאָר אַ וויכטיקע יידישע פּראָבלעם האָט זי אים אינטערעסירט. ער האָט געגלויבט אין דער נייטיקייט פון אַ יידיש לאַנד פאַר דער פּולער יידישער אויסלייזונג און אויסגלייכונג מיט די אַנדערע פעלקער, און ער האָט אין ארץ ישראל געזען אָט דאָס יידישע לאַנד — איז ער געווען איבערגעבן דער אידייע פונעם ציוניזם מיט לייב און לעבן.

ער האָט באַנומען און געזען, אַז די יידישע אַרבעטער וועלן קאָנען באַקומען זייער פולע באַפרייאונג ערשט מיטן אָנקומען פונעם סאָציאַליזם; איז ער געווען אַ סאָציאַליסט און האָט געהאָלפן די אַרבעטער־ציוניסטן אין זייער אַרבעט, באַזונדערס איז ער געווען טעטיק אינעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ ישראל. דאָרטן האָט ער גאָר ניט געזשאַלעוועט זיין צייט און זיין ענערגיע. ער האָט געגעבן אַליין און האָט געמאַכט אַנדערע צו געבן.

וואַרשע האָט געזען און האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר גלייבן אין דעם נצח־ישראל, אין דער אייביקייט פונעם יידישן פאָלק, איז דאָס מעגלעך נאָר דאַן, ווען מיר קאָנען פאַרזיכערן פאַרן פאָלק דעם יונגן דור. און דאָס קאָן מען טאָן ביי אונדז בלויז דורך דער יידישער שול. איז וואַרשע געווען איבערגעגעבן דער יידישער שול בלב ונפש. ער האָט זיך אַזוי ווי איינגעאָנצן אָפּגעגעבן דער שול; קיין זאַך איז ניט געווען שווער פאַר אים, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער יידישער שול. ניט נאָר איז ער געווען דער פאַרזיצער פון דער שול, וואו ער איז געווען אַ פאַרוואַלטער; ער איז געווען איר הויפּט טוער, איר הויפּט פאַרזאָרגער.

טשאַרלי האָט ניט בלויז געהאַלטן די שול פאַר וויכטיק, ער האָט זי ליב געהאַט מיט דעם ליבשאַפט פון אַ פאָטער צו זיין קינד, און נאָך מער ווי די שול האָט ער ליב געהאַט די קינדערלעך. ער האָט זיך געצויגן צו זיי; ער האָט געשפּילט מיט זיי. זיינע אויגן פלעגן זיך אָנצינדן מיט פרייד און מיט ליבשאַפט, ווען ער איז געווען צווישן די שול־קינדער. און די קינדער האָבן אים געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע: זיי האָבן זיך געצויגן צו אים; זיי פלעגן אים אַרומרינגלען, זעצן זיך ביי אים אויפן שויס, אַרומנעמען אים, שפּילן זיך מיט אים ווי מיט אַ גלייכן.

טשאַרלי וואַרשע האָט אויך באַגריפן די גרויסע נויטווענדיקייט פון אַ יידישן קינדערגאָרטן, וואו אונדזערע קינדער זאָלן שוין פון זייער פריעסטער יוגנט געפינען זיך אונטער

דעם איינפלוס פון דער יידישער שפראך און דער יידישער קולטור־סביבה. ער האט דעריבער זיך באמיט איינצושטעלן די פריינטלעכסטע באציאונגען צווישן דעם קינדערגארטן און דער שול און האט אזוי ארום געהאלפן צוציען צו דער שול א גאנצע ריי יונגע עלטערן, פריש בלוט, פרישע ענערגיע, וואס האט אזוי פיל געהאלפן דער פארשטארקונג און דער באקרעפטיקונג פון דער שול־פארוואלטונג.

מיט טשארלי ווארשע איז אויך אוועק אונדזערער א פערזענלעכער פריינט, אונדזערער א בן־בית ביי אלע ימים־טובים און שמחות. מיט זיינע חסידישע ניגונים, וואס ער האט געזונגען אזוי שיין און הארציק, האט ער אלעמאל אריינגעטראגן אזוי פיל הייטערקייט, און מיט זיין ווארעמען אנטיילנעמען אין א דיסקוסיע האט ער אריינגעטראגן אזוי פיל לעבעדיקייט אין אלע צוזאמענקונפטן. טשארלי וועט דעריבער אזוי שטארק פעלן אונדז, ווי ער וועט פעלן אלע זיינע גוטע פריינט.

אלץ וואס ווארשע האט געטאן, האט ער געטאן מיט הארץ, מיט ברען, מיט איבערגעבנקייט. ער האט געטראכט וועגן זאכן, האט געהאט זיינע מיינונגען וועגן זאכן און ער האט מיט ווארעמקייט פארטיידיקט זיינע אנשויאונגען און מיינונגען. אלצדינג האט ווארשע גענומען ערנסט. די יידישע צרות אדער די ליידן פון זיינע פריינט האבן אים אנגערירט ביזן ביין. ער האט אליין געליטן מיט זייערע ליידן; און זיין הארץ האט זיך לעצטנס צו אפט צונויפגעדריקט פון די גרויסע יידישע צרות. און צום סוף האט עס ניט אויסגעהאלטן און האט אויפגעהערט צו קלאפן.

ווארשעס פריינט, זיינע שכנים, זיינע חברים, שול־טוער און טוער פון דער פארטיי — א גרויסע מענגע פריינט און חברים, וועלן לאנג, לאנג געדענקען זייער גוטן און הארציקן פריינט, זייער מיטמענטשן און מיטטוער, דעם ליבן מענטשן טשארלי ווארשע.

●

ענ י גאפט,
סעקרעטארין פון „פרויען קלוב"

טשארלי ווארשע — דער אידעאלער טיפ פון א געזעלשאפטלעכן טוער

דער פלוצלינגער טויט פון טשארלי ווארשע, האט ארויסגערופן טיפן טרויער ביי זיינע צאלרייכע פריינד און פארערער, וועלכע זיינען דערשיטערט געווארן פון דעם אומגליק. כאטש מען האט געוואוסט, אז ס'איז שוין א שטיק צייט ווי ער איז געווען ערנסט קראנק; זיינע פריינד וועלן לאנג ניט קענען פארגעסן די געשטאלט פון אט דעם ליבן, גוטמוטיקן און ענערגישן מענטשן פון וועמען עס האט ארויסגעשטראלט פריינטשאפט און גרייטקייט צו דינען זיינע מיטמענטשן אין אלע פערזענלעכע און געזעלשאפטלעכע ענינים.

דער פארלוסט פון אזא מענטש ווי טשארלי ווארשע איז זייער גרויס און מען קען ניט געפינען קיין טרייסט ניט פאר זיך און ניט פאר זיין פאמיליע. נאך א גרעסערער פארלוסט איז ווארשעס טויט, פאר די געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס אין וועלכע ער האט זיך באטייליקט. און באטייליקט האט ער זיך אין א זייער גרויסער צאל ארגאניזאציעס, וואו ער איז שטענדיק געווען דער לייטנדער גייסט, די נשמה פון יעדער טעטיקייט.

טשארלי ווארשע איז געווען יענער ברויזנדער כאראקטער, וועלכער האט באוויזן מיט

מעשים ווי אַזוי מען טוט אַליין אַרבעט, און ווי אַזוי מען באַווירקט אַנדערע צום טאָן. זיין אַרבעט האָט ער געטאָן מיט ברען און לײדנשאַפט, מיט פרייד און איבערגעבנקייט, און מיט זיין וואָרט האָט ער אָנגערעגט מענטשן צו זיין טעטיק, ער האָט געצונדן די ענערגיע פון זיינע מיטמענטשן און איז געווען אַ ביישפּיל פאַר פרייד דורך אַרבעט.

טשאַרלי וואַרשע איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אידעאַליזם און פּראַקטיק. ער האָט אַריינגעטראָגן א י ד ע אַ ל י ז ם אין דער פּראַקטישער וואָכעדיקער אַרבעט, און פּ ר אַ ק־ ט י ש ק י י ט אין זיינע אידעאַלן אין וועלכע ער האָט געגלויבט. ער איז געווען דער סינ־טעז פון פּראַקטישן־אידעאַליזם, וועלכן ער האָט פּראַקטיצירט אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואו ער איז געווען טעטיק.

טשאַרלי וואַרשע איז געווען אַ מוטיקער קעמפער, אַ לײדנשאַפטלעכער דעבוטאַנט, איז באַשטאַנען אויף זיינע מיינונגען ביז צו דער קלענסטער איינצלהייט, און דאָך שטענדיק פאַר־בליבן אַ פריינד צו זיינע אָפּאָנענטן, ווייל ער האָט געקענט אויסקומען מיט מענטשן אַפילו מיט ביטערע קעגנערס. קיינער האָט ניט געקענט טראָגן קיין כעס אויף טשאַרלי וואַרשען און דעריבער איז קיין וואונדער וואָס זיין איינפלוס איז געווען זייער גרויס.

טשאַרלי וואַרשע איז געווען אַ סאָציאַליסט, אַ טעטיקער מיטגליד פון דעם יידישן־סאָ־ציאַליסטישן פאַרבאַנד. אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג. ער איז אויך געווען נאַציאָנאַל גע־שטימט. אַן איבערגעגעבענער ייד און אַ איבערגעגעבענער סאָציאַליסט. ער האָט ניט געזען קיין ווידערשפּרוך אין אָט די ביידע באַוועגונגען.

שטאַרק טעטיק איז וואַרשע געווען אויפן פעלד פון יידישער דערציאונג איבערהויפּט אין די אַרבעטער רינג שולן. אויף דעם געביט פון שול־אַרבעט האָט ער אַריינגעלעגט דעם גרעסטן טייל פון זיין ענערגיע, פון דעם ברען פון זיין נשמה. דערציען דעם יונגען דור פאַר יידישקייט און סאָציאַליזם איז געווען זיין הויפּט צוועק אין לעבן.

טשאַרלי וואַרשע האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן מיט זיין טעטיקייט אין אונדזער פּרויען קלוב. ער פלעגט באַזוכן כמעט אַלע אונדזערע פאַרזאַמלונגען. ער פלעגט זיין אונדזער שטענדיקער גאַסט ביי אונדזערע אונטערנעמונגען. ער האָט זיך געפרייט מיט אונדזערע דער־פאָלגען און האָט אונדז געגעבן זיין עצה, ווען מיר האָבן זיך אין דעם געוויטיקט.

אין דעם נאָמען פון דעם פּרויען־קלוב פון די שלום־עליכם־הייזער, דריק איך אויס אונדזער צער און טרויער אויף דעם טויט פון טשאַרלי וואַרשע, און אונדזער איינציקע טרייסט איז, אַז עס איז ניטאָ קיין טרייסט.

●

דוד שיין

„טשאַרלי מאַי באַי"

„טשאַרלי מאַי באַי"! אַזוי פלעג איך דיך רופן, ווען אונדזער קליינע משפחה פלעגט זיך צונויפקומען.

מיט דיין אַריינקומען איז ליכטיק געוואָרן אין שטוב. דיין ליבער שמייכל, דיין וואַרעם האַרץ, האָט אַלעמען פריינטלעך און וואַרעם געמאַכט.

אַפילו אין אונדזערע חילוקי־דעות האָבן מיר ניט געקענט בייז זיין אויף דיר, „טשאַרלי מאַי באַי"!

איצטער, אַז דו ביזט ניטאָ, איז אומעטיק. טרויעריק ווערט אויפן האַרצן ווויסנדיק אַז טשאַרלי, וועט שוין מער ניט זיין.

צו אונדזער לעצטער מסיבה איז שוין טשאַרלי נישט געווען. מיט אַ שווערן געמיט איז מען זיך צונויפגעקומען. טרויער אויף אַלעמענס פּנימער. אַ טרער אין יעדנס אויג. אַזוי האָבן מיר גערעדט, געטרויערט, באַוויינט אונדזער פאַרלוסט: טשאַרלי וואַרשע.

טשאַרלי איז ביי אונדז געווען: דער וואַרעמער ייד, דער ליבער חבר. מיר האָבן ליב געהאַט טשאַרלין פאַר זיין טעטיקייט אַרום דער יידישער שול־באַוועגונג, — וואָס איז אייגנטלעך אַ טייל פון אונדז אַלעמען. אין זיין ענערגישער אַרבעט פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין לטובת ארץ ישראל, האָט טשאַרלי געהאַט צווישן אונדז די מערסטע אונטערשטיצער; אין דער קינדער־רעטונגס־פאָנד קאַמפּאַניע, זיינען מיר אַלע געווען מיט אים; אַזוי אויך פאַרן ייוואָ, — און אַלע אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס פאַר וועלכע טשאַרלי וואַרשע האָט זיך איינגעשטעלט — האָט ער אונדז אַלעמען געהאַט אויף זיין זייט.

פילן מיר, די משפחה, ווי אבלים. טרויערן מיר, די משפחה, אויף דעם פאַרלוסט אויף אונדזערן. און צוזאַמען מיט סאָניען און די קינדער זאָגן מיר: „מיר וועלן שטענדיק טייער האַלטן דיין אָנדענק, טשאַרלי!“

אונדזער קלוב.

ד ו ד.

ביילע רובין

מוט און באַוואוסטזיין

יענעם טאָג בין איך אַהיימגעקומען ערשט פאַרנאַכט. אין הויף זיינען געשטאַנען קליינע גרופּעס מענטשן מיט צעשראָקענע פּנימער. קינדער מיט טרויעריקע, פאַרלאָרענע געזיכטן האָבן צווישן זיך שטיל גערעדט. אַ מוראדיקע שטימונג האָט געהערשט און איך האָב גלייך דערפילט, אַז אַ שרעקלעכע טראַגעדיע איז געשען.

— יאָ, גאָר אַ גרויסע טראַגעדיע! כמעט אומגלייבלעך — טשאַרלי וואַרשע וועט מער מיט אונדז נישט זיין!

קליין און גרויס האָבן געפילט דעם טיפן ווייטיק — דעם גרויסן פאַרלוסט.

איך האָב אים גוט געקענט — אונדזער „טשאַרלי“. זיין שמייכל האָט ער מיר אַנטקעגן געטראָגן ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען.

אין די לעצטע יאָרן, ווען איך פלעג זיך טרעפן מיט חבר וואַרשען, פלעג איך אָפט טראַכטן: — אָט איז אַ מענטש וועלכער האָט אַזויפיל יאָרן געשלעפּט אויף זיך דעם שווערן יאָך פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און דאָך איז ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן. וואָס פאַר אַ כוח ער פאַרמאָגט. אַזויפיל מענטשן פון זיין דור, האָבן שוין לאַנג, מיט אַנטוישונג, אָפּגעלאָזט די הענט; רעזיגנירט פון אַלעס, וואָס זיי האָבן מיט אַזויפיל מאַטערניש און מסירת־נפש געבויט. אָבער נישט אונדזער „טשאַרלי“. ער האָט אויף זיין איינגעשפּאַרטן אופן געלעבט מיט האָפענונג און געשטרעבט צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן, וועלכע זיינען אויך אונדז אַזוי ליב און טייער. מיט זיין וואַרעמקייט און ליבשאַפט פאַר מענטשן איז ער אַלע מאָל געווען אַן אינספּיראַציע פאַר יעדן איינעם וואָס האָט אים געקענט.

מיר ווייסן גוט די וויכטיקייט פון חבר וואַרשעס טעטיקייט אין דער שול־אַרבעט. ער האָט אונדז — „די נייע“ — אויף זיין חברישן אופן צוגעצויגן און מיט געדולד געלערנט ווי אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

ס׳קלינגען נאָך אין אונדזערע אויערן די ווערטער זיינע: „מ י ר האָבן דעם בנין

אויסגעבויט, דער פונדאַמענט איז אַ שטאַרקער, אַ זיכערער, אָבער א י ר וועט זיך דאַרפֿן אויסלערנען גיין אַליין, אָן אַ וועג־ווייזער. די אַרבעט איז אַ שווערע. — אָבער געדענקט — אַז אין דעם הענגט אָפּ אונדזער עקזיסטענץ. סיי אַלס מענטשן און סיי אַלס יידן.״

***

און מיט געבויגענע קעפּ, מיט טיפֿן צער און ווייטיק אין האַרצן האָבן מיר בײַ זיך באַשלאָסן: — יאָ, מיר וועלן ווייטער ציען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם. מיר וועלן אײַך ניט פֿאַר־שעמען, חבר וואַרשע! מיר ווייסן אַז אָן אײַך וועט אונדז זיין אַ סך שווערער צו טאָן די אַרבעט. מיר זיינען ניט זיכער מיט אונדזערע טריט, מיר וועלן מן־הסתם מאַכן טעותן, מיר וועלן אָבער זיך אָננעמען מיט מוט, מיט נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און ממשיך זיין די אַרבעט, וועלכער איר האָט אוועקגעגעבן אַ סך יאָרן פֿון אייער פֿרוכטבאַרן לעבן.

●

משה שערמאַן*

מיין „אַדאָפּטירטער" טאַטע

ווען ס'האָט צו מיר דערגרייכט די ידיעה, אַז טשאַרלי וואַרשע איז געשטאָרבן, האָב איך אינסטינקטיוו אויסגעשריגן — „ניין, ס'איז אומעגלעך!" ווייל איך האָב זיך ניט געקענט פֿאַרשטעלן, אַז אָט דער אימפּולסיווער, זיך שטענדיק באַוועגנדיקער, זיך שטענדיק קאָכנדיקער טשאַרלי, זאָל אַזוי גרינג, אָן קאַמף, אָפּגעבן זיין וואַרעמפֿולן לעבן.

און אַפֿילו איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז ווען דער מלאך־המוות כאַפּט זיך ניט אַריין, בגנבה, כּאַרטאָג, ווען טשאַרלי איז געשלאָפֿן, וואָלט ער אים אַזוי גרינג און אַזוי שנעל ניט באַזיגט.

טשאַרלין געדענק איך פֿון זינט אָן איך בין צו מיין שכל געקומען. ער פֿלעגט יעדן טאָג אַריינקומען צו אונדז אין הויז, אַפֿילו ניט אָנקלאַפּנדיק אין דער טיר, און טאָמער האָט געטראָפֿן אַ טאָג אַז טשאַרלי איז ניט געקומען, פֿלעגן מיר שוין לויפֿן פֿרעגן, וואָס ס'איז געשען, ווייל טשאַרלי וואַרשע איז געווען, ניט נאָר מיין טאַטנס, עליו השלום, בעסטער און אינטימסטער חבר, נאָר ער איז אויך געווען אונדזער אַלעמענס איבערגעגעבנסטער פֿריינט. אונדזערעליידן זיינען געווען זיינע ליידן, און אונדזערע פֿריידן — זיינע פֿריידן. דעריבער איז אַזוי פֿאַרשטענד־לעך, וואָס קיין זאַך איז ביי אונדז אין הויז ניט געטאָן געוואָרן, איידער מ'האָט זיך פֿריער ניט באַראָטן מיט טשאַרלין.

ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי טשאַרלי מיט מיין טאַטן קריגן זיך, שרייען איינער אויפֿן צווייטן, זידלען זיך אַפֿילו און טשאַרלי גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און גייט אַוועק אַ ברוגזער. דער טאַטע פֿלעגט דעמאָלט ווערן נערוועאיש, זיין פּנים פֿאַרכמורעט און צו קיינעם ניט גערעדט. אַזוי שנעל אָבער ווי טשאַרלי איז ווידער אַריין אין הויז, — און דאָס פֿלעגט געשען מערסטנס דעם זעלבן טאָג, — איז אַלעס פֿאַרגעסן געוואָרן, דער טאַטע שמייכלט ווידער און טשאַרלי שלעפּט גוטע זאַכן פֿונעם פֿרידזשידעיר און קייט אויף ביידע באַקן.

פֿאַרשידענע פּערזענלעכע דעראינערונגען קומען אויף אין מיין זכרון אין פֿאַרבינדונג

---

* געוועזענער תּלמיד פֿון אונדזער שול און איצט אַן אינסטרוקטאָר פֿון מוזיק אין ראַטגערס אוני־ווערזיטעט, ניו־בראַנזוויק, ניו דזשוירזי.

מיט טשאַרלין: כ׳דערמאָן זיך ווען כ׳בין געגאַנגען אין דער יידישער שול אין די שלום־עליכם־הייזער, וואו טשאַרלי איז אַלע יאָרן געווען דער פּאַרזיצער. איז אַז ס׳פלעג טרעפן, און גאַנץ אָפט, אַז איך בין געווען אַ „בעד־באַי" און דערגאַנגען דעם לערער, בראַמבערג, די יאָרן (אויב בראַמבערג וועט דאָס לייענען בעט איך אים ער זאָל מיר דערפאַר אַנטשולדיקן) פלעגט טשאַרלי דעמאָלט מ י ר דערגיין די יאָרן. ער פלעגט שרייען אויף מיר, דערציילן דעם טאַטן, און אַז מיין טאַטע פלעגט ווערן אין כעס איז מיך ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. ניט איין טרער פלעג איך דעמאָלט פאַרגיסן. דערפאַר אָבער, אַז איך בין געווען אַ „גוד־באַי" (און דאָס פלעגט אויך טרעפן, כאָטש ניט אַזוי אָפט), כ׳האָב זיך גוט געלערנט, אָדער ביי אַן אונטערנעמונג — שיין דעקלאַמירט, פלעגט טשאַרליס פנים שטראַלן פון פרייד. ער איז געווען גליקלעך.

כמעט יעדן זונטיק פלעגן מיר „אויספאָרן" מיט טשאַרלין אין זיין אָטאָמאָביל, וואָס מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „דאָס גומענע פערדל", ווייל ווי פול דאָס פערדל זאָל ניט געווען זיין מיט פּאַסאַזשירן, אַז ס׳איז צוגעקומען נאָך עמיצער האָט זיך עס ווי צעצויגן און געמאַכט פּלאַץ פאַר נאָך איינעם.

פאָרן פלעגן מיר גאַנץ אָפט אין „זו". איך האָב זייער שטאַרק ליב געהאַט און פלעג אַ סך לאַכן ווען טשאַרלי פלעגט נאָכמאַכן די באַוועגונגען און די קולות פון די פאַרשידענע חיות.

זומער־צייט האָט טשאַרלי געהאַנדלט מיט די יידישע זומער־קעמפּס. איז יעדעס מאָל ווען ער איז געפאָרן אין די קעמפּס האָט ער מיטגענומען מיין טאַטן און מיך. כ׳האָב זייער שטאַרק ליב געהאַט מיטצופאָרן, ווייל ס׳איז געווען זייער פריילעך, מיין טאַטע און טשאַרלי פלעגן זינגען און טשאַרלי האָט מיר אַלעמאָל אונטערגעטראָגן גוטע זאַכן צום נאַשן.

נאָך מיין טאַטנס טויט האָב איך פאַלשטענדיק „אַדאָפּטירט" טשאַרלין אַלס מיין טאַטן. קיין זאַך ניט געטאָן אָן זיין וויסן, אָן זיין צושטימונג. אַלעמאָל געפרעגט זיין מיינונג און געפאָלגט זיין עצה.

כ׳קען זיך אויך ניט צוריקהאַלטן צו דערמאָנען, בלויז מיט אַ פּאָר ווערטער, די האַרציקע באַציאונג פון טשאַרלין צו מיין זיידען און באָבען, מיין טאַטנס עלטערן. ס׳איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין וואָך, אַז טשאַרלי זאָל זיי ניט באַזוכן און זיי ברענגען פון בעסטן און שענסטן. ניט אומזיסט האָבן זיי אים אַזוי ליב געהאַט און געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד.

ס׳שוועבט נאָך פאַר מיינע אויגן זיין טרויעריק פנים, ווען מ׳האָט מיך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, איבערהויפּט דעם צערפּולן אויסדריק אין זיינע אויגן, ביים אָפּשייד־אָוונט ווען מ׳האָט מיך געשיקט אויף יענער זייט ים. זיין האַנט־דרוק, זיין קוש און זיין ברכה. כ׳וועל אָבער אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין פריידיקן און האַרציקן ברוך־הבא, וואָס ער האָט מיר געגעבן, ווען איך בין אַהיימגעקומען נאָך דער מלחמה.

דעם לעצטן ראש־השנה איז טשאַרלי געווען אונדזער גאַסט, אויף דער פאַרם וואו מיר וואוינען. בלויז איין וואָך האָט ער מיט אונדז פאַרבראַכט. אָבער דורך דער קורצער צייט זיינען מיר, מיין פרוי, מיין קינד און איך, צו אים נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן.

אַ סך, גאָר אַ סך, האָט ער אונדז דעמאָלט דערציילט וועגן זיין אינהאַלטסרייכן לעבן, ביז אַמעריקע און אין אַמעריקע. ער האָט אונדז אויך דערציילט וועגן זיין ליבער סאָניען, זיין בן־יחיד הערשלען, זיין שנור און אייניקל. שטונדן פלעגן מיר זיצן און זיך צוהערן צו זיינע שילדערונגען פונעם ווייטן אַמאָל ביזן נאָענטן היינט. ווער האָט זיך גערעכנט אויף אַזאַ טראַגישן סוף.

ניין, מיר וועלן טשאַרלין קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

א. רעכטמאַן

אין זיין אייביקער רו...

א. אויפן עולם הדמיון: —

איצט, אַז וואו מיר קערן זיך און וואו מיר ווענדן זיך זעען מיר נאָך אַלץ דעם שאָטן פון טשאַרלין שוועבן צווישן אונדז. —

איצט, ווען מיר הערן און פאַרנעמען נאָך אַלץ, כמעט בחוש, דעם אָפּקלאַנג פון זיינע האַסטיקע טריט צווישן אונדז. —

איצט, ווען ס׳דערטראָגט זיך נאָך צו אונדזערע אויערן דער עכאָ פון זיין קול, אויף אונדזערע זיצונגען, באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען.

איצט... איז נאָך שווער, זייער שווער, כמעט ווי אוממעגלעך צו באַגרייפן מיט קלאָר־קייט, צו דערציילן מיט פרטים, וואָס אָט דער פאַלקסמענטש טשאַרלי האָט געמיינט פאַר אונדז. ווי טיף איינגעוואָרצלט ער איז געווען צווישן אונדז. און וואָס זיין פאַרלוסט מיינט פאַר אונדז.

עס פעלט דער כוח דערצו, שוין ניט רעדענדיק, וואָס ס׳פעלט די נויטיקע פּערספּעק־טיווע, דער ריחוק־הזמן, די צייט־דיסטאַנץ, אַז מיר זאָלן אים קענען דערזען, אויפפאַסן איב אין זיין פולן פאַרנעם פון דערגרייכונגען און רעזולטאַטן.

וועל איך, אייער קנעכט, מיט מיינע עטלעכע באַמערקונגען אַריבערטראָגן זיך אינעם טראַדיציאָנעל־פאָלקלאָריסטישן עולם־הדמיון, וואו מיר פלעגן זיך גאַנץ אָפט טרעפן מיט טשאַרלין, ווען נאָר ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן אַביסל צייט דערצו.

ב. גוף און נשמה

אין די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים, איז געווען איינגעפירט מקדמונים, אַז דער קהל־שמש פלעגט רופן די יידן אין שול אַריין, ער פלעגט וועקן צו סליחות, אַפילו די ווייבער ערב שבת פלעגט ער וועקן פאַרטאָג. ער פלעגט אָנזאָגן קהל וועגן יעדער דבר־מצווה. סיי פון פרייד: ווי אַ חתונה, אַ ברית; סיי פון טרויער: ווי אַ מת־מצווה, אַ לוויה.

איז דער מנהג געווען, אַז צו אַ ברית־מילה פלעגט דער שמש געבן דריי קלעפּ, אין לאָדן צי אין טויער, און צו אַ לוויה ר״ל, בלויז צוויי קלעפּ.

דער טעם דערפון איז: ווייל, די גמרא זאָגט: שלשה שותפין הן באדם (קדושין ל׳), דריי שותפים זיינען פאַראַן אין מענטשן: טאַטע־מאַמע — די צוויי פיזישע שותפים, און גאָט, דער דריטער גייסטיקער שותף. איז דעריבער צו אַ ברית זיינען דאָך דאָ אַלע דריי שותפים, גיט דער שמש ד ר י י קלעפּ. צו אַ לוויה אָבער, האָט דאָך דער דריטער גייסטיקער שותף צוגענומען זיין חלק און זיך אָפּגעטראָגן, בלייבן דאָך בלויז די צוויי פיזישע שותפים, דעריבער גיט דער שמש בלויז צ ו ו י י קלעפּ.

דערמיט האָט מען אונדז אייגנטלעך געלערנט און געלאָזט וויסן דאָס אַלעמען באַוואוסטע, אַז אַ מענטש איז ניט נאָר אַ פיזישער וועזן, בלויז אַ ג ו ף. נאָר, אַז אַ מענטש איז אויך אַ גייסטיקער וועזן, אַ חלק אלוה ממעל, נעמלעך, אַז ער האָט אויך אַ נ ש מ ה.

דערויף זאָגן חסידים, אַז ס׳איז ניט גענוג פאַרן מענטשן צו וויסן בלויז, אַז ער איז אַ חלק אלוה מ מ ע ל, אַז ער האָט אַ דריטן שותף ערגעץ אויבן אין דער הויך — אין אַנאַנדער גייסטיקער וועלט, און ער דאַרף אים אָפּגעבן זיין דריטל דאָרטן ערגעץ אויפן עולם העליון, מ מ ע ל, דורך תפילה און תשובה. ניין! זאָגט ר׳ פּנחס קאָרעצער, דאָס איז ניט גענוג. אַ מענטש דאַרף אויך תמיד געדענקען און אינזינען האָבן, אַז ער איז אויך אַ חלק

אלוה מ ת ח ת. פון אונטען, אַט דאַ אויפן עולם התחתון, מ ת ח ת, איז ער אַ געטלעכער וועזן, אַ ח ל ק א ל ו ה. גוף און נשמה איז היינו הך. אַזוי ווי ס׳איז ניט מעגלעך קיין נ ש מ ה אָן ג ו ף, אַזוי איז ניט מעגלעך קיין ג ו ף אָן נ ש מ ה.

דאַרף דער מענטש דעריבער אינזינען האָבן דעם דריטן גייסטיקן שותף זיינעם, דווקא ד אָ, אויף ד ע ר וועלט, צווישן זיינע מיטמענטשן. אמתע מעשים טובים זיינען די, וואָס זיינען בין אדם לחברו, ווייל, ווי געזאָגט, איז דער עיקר ניט נאָר דער חלק אלוה מ מ ע ל, נאָר אויך דער חלק אלוה מ ת ח ת.

אַט דעם שיתוף פון ממעל און מתחת, אַט די פאַראייניקונג פון הימלשער גייסטיקייט מיט ערדישער גוטסקייט האָט טשאַרלי אַלעמאָל דורכגעפירט און צענויפגעפלאָכטן אין אַלע זיינע מעשים, איבערהויפט אין זיינע מעשים־טובים. דעם דריטן שותף זיינעם, דעם גייס־טיקן, האָט ער אַלעמאָל אינזינען געהאַט אַט דאַ צווישן אונדז. און אים אָפגעגעבן, ניט נאָר כד־ין, אַ דריטל, — נאָר לפנים־משורת־הדין, אַ סך מער ווי אַ דריטל.

ווייל, געדינט האָט טשאַרלי דעם לעבן געטריי, סיי מיטן ג ו ף און סיי מיט דער נ ש מ ה.

ג. שכר מצווה — מצווה

כ׳וויל ניט קיין עולם־הבא !
כ׳וויל ניט קיין גן־עדן !
כ׳וויל נאָר דיך.
כ׳וויל נאָר דיך . . .

לויט דער מסורה, פלעגט דער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, זינגען די ווערטער יעדן טאָג איידער ער האָט זיך געזעצט לערנען מיט גרויס התלהבות ממש עד כלות הנפש.

געזונגען ווערט דאָס מיט אַ האַרציק טרויעריקן ניגון, אין דער התחלה שטיל, פאַר־מעלעך, מ׳חזרט אַלץ איבער די זעלביקע ווערטער, ביז מ׳צעוואַרעמט זיך שטאַרקער און שטאַרקער און מ׳פאַלט אריין אין אַ חסידישן עקסטאַז.

טשאַרלי האָט אַלעמאָל שטאַרק הנאה געהאַט ווען ער האָט געהערט דעם ניגון און די ווערטער. ער פלעגט אים אָפטמאָל אַליין זינגען מיט חסידישן ברען און התלהבות, אי־בערחזרנדיק אומצייליקע מאָל:

כ׳וויל ניט קיין עולם־הבא !
כ׳וויל ניט קיין גן־עדן !

ווייל, ממש אַט אַזוי האָט טשאַרלי געפילט בעת ער פלעגט טאָן זיינע מעשים־טובים. ניט צוליב עולם־הבא, ניט צוליב גן־עדן, ניט אויסן געווען קיין אייגענע נוצן, נאָר געטאָן אַלעס „שלא על מנת לקבל פרס״. פשוט לשם מצווה.

אין ספר „נפלאות המגיד״ ווערט דערציילט, אַז דער קאָזשניצער האָט אַמאָל גע־זאָגט: „אַז מיין גרעסטע הנאה איז די הנאה פון טאָן אַ מצווה, בעט איך דעריבער ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל מיך מזכה זיין איך זאָל קענען הנאה האָבן פון די מעשים־טובים, וואָס איך טו. מער ווייל איך גאָרניט, אַפילו ניט אויפן עולם האמת . . .״

טו איך עדות זאָגן בפני כל עם ועדה, אַז כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַ מענטשן, וואָס זאָל אַזוי הנאה האָבן, פיזיש הנאה האָבן, פון טאָן יענעם אַ טובה, ווי טשאַרלי איז דאָס געווען. ווייל, פונקט ווי ער האָט געקענט הנאה האָבן פון אַ גוטן מאכל, פון גוטער משקה, פון אַ שאַרפן וויץ א. ד. ג., אַזוי אויך האָט ער געקענט, ממש פיזיש, הנאה האָבן פון

אַ דבר־מצווה. און געטאָן האָט ער אַלעס מיט אַזאַ גרינגשאַפט, מיט אַ ליבלעכן שמייכל, מיט חברשער האַרציקייט, פונקט גלייך ווי מ׳טוט גאָר אים די גרעסטע טובה.

צו דער מדרגה פון „שכר מצווה — מצווה,״ האָט טשאַרלי דערגרייכט בשלימות.

ד. גיהנום און גן־עדן

ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע האָט געזאָגט:

„...ס׳איז ניטאָ קיין גיהנום און ס׳איז ניטאָ קיין גן־עדן, נאָר, אַז מ׳קומט אויף יענער וועלט, לאָזט מען דעם טויטן אַ קוק טאָן צוריק אויף זיין גאַנצן לעבנסוועג. איז דער רשע, דער נאַר, אַז ער דערזעט פאַר זיינע אויגן זיין פוסטן פאַרגאַנגענעם לעבן, ניט געהאַט קיין פריינט; ניט דערצויגן קיין לייטישן דור; ניט געטאָן קיין גוטס; פיינט געהאַט מענטשן שינאת־חינם; ניט קיין צדקה און ניט קיין מעשים טובים. — פאַרדריסט דאָס אים זייער שטאַרק, האָט ער דערפון גרויס עגמת־נפש . . .

„און דאָס — האָט ר׳ שמחה בונם געזאָגט — איז „גיהנום״ . . .

